א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

296 | פרשת כי תצא | תשע"ט

## מאוצרות אמונים

### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

#### דאווענען בעפאר די מלחמה, און לויבן נאכדעם

**"כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ"** (כא י)

**רבינו אפרים שרייבט:**

די פריערדיגע פרשה, פרשת שופטים, ענדיגט זיך מיט די ווערטער: "כִּי תַעֲשֶׂה הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי ה'" - 'הַיָּשָׁר' איז אותיות: 'שירה', און די נאנטקייט פון די פסוקים לערנט אונז, אז אין א צייט וואס מ'געווינט די מלחמה און עס ווערט מקויים: "וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ", דארף מען זאגן שירה פאר ה'. די שירה קען אויך העלפן און פארשטארקן די ניצחון, אזוי ווי עס שטייט אויף דעם קעניג יהושפט (דה"י ב' כ כב): "וּבְעֵת הֵחֵלּוּ בְרִנָּה וּתְהִלָּה נָתַן ה' מְאָרְבִים עַל בְּנֵי עַמּוֹן מוֹאָב וְהַר שֵׂעִיר הַבָּאִים לִיהוּדָה וַיִּנָּגֵפוּ".

רבי צבי יצחק אבראמאוויטש דער רב פון חצור הגלילית האט אויסגעטייטש די סמיכות אויף אזא וועג:

'הַיָּשָׁר' איז גימטריה 'תפלה', א רמז אויף דעם אז בעפאר מ'גייט ארויס צו א מלחמה האבן די אידן געדאווענט צום אויבערשטן זיי זאלן געווינען די מלחמה, אזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין גמרא (ברכות ג ב) אז בעפאר מ'איז ארויסגעגאנגען צו א מלחמה האבן זיי זיך "נמלכין בסנהדרין" און רש"י טייטש: "בעהטן פון זיי רשות, כדי זיי זאלן דאווענען אויף זיי".

'פירוש התורה לרבנו אפרים'; 'טעם הצבי'

#### 'בית חדש' - לשם שמים

**"כִּי תִבְנֶה בַּיִת חָדָשׁ וְעָשִׂיתָ מַעֲקֶה לְגַגֶּךָ"** (כב ח)

"ילמדנו רבינו: הבונה בית חדש כיצד צריך לברך? כך שנו רבותינו ז"ל הבונה בית חדש מברך שהחיינו כדי שיעשה נחת רוח ליוצרו" (תנחומא בראשית ד).

מ'דארף פארשטיין די לשון פון די שאלה: "כיצד צריך לברך", עס וואלט בעסער געווען ווען עס שטייט: "מה הוא מברך?". נאך דארף מען פארשטיין וואס פרעגט דער מדרש: עס איז דאך א אפענע משנה (ברכות נד א): "בנה בית חדש וקנה כלים חדשים אומר: 'ברוך שהחיינו'"?

ענטפערט דער **'כתב סופר'**:

ריכטיג, די פראגע פון די חכמים איז געווען: "**כיצד** צריך לברך" - וויאזוי קען מען זאגן א 'שהחיינו' אויף אזא גשמיות'דיגע הנאה אזוי ווי קויפן א נייע הויז? און אויף דעם איז דער ענטפער: "כדי שיעשה נחת רוח ליוצרו", אויף אזא הויז וואס איז געבויעט געווארן לשם שמים - כדי צו מקיים זיין דארט מצוות, צ.ב.ש.: מעקה, מזוזה, און נאך אנדערע מצוות וואס זענען אנגעהאנגען אין א הויז - איז טאקע פאסיג צו זאגן מיט א פולע מויל: "שהחיינו" אויף דעם וואס דער אויבישטער האט אים מזכה געווען צו טוהן פאר אים א נחת רוח.

'כתב סופר'

#### מקדים זיין א תפילה פאר די צרה

**"וְלֹא תָשִׂים דָּמִים בְּבֵיתֶךָ כִּי יִפֹּל הַנֹּפֵל מִמֶּנּוּ"** (כב ח)

אין מסכת שבת (לב א) דרש'ענען די חכמים: "כִּי יִפֹּל" - ווען דער מענטש געפונט זיך שוין אין א צרה, דעמאלטס דארף דער "הַנֹּפֵל" זיך ארויס העלפן "מִמֶּנּוּ" - דורך זיינע מעשים און זיינע זכויות כדי ער זאל געראטעוועט ווערן. דעריבער: "לעולם יבקש אדם רחמים שלא יחלה, שאם יחלה אומרים לו: הבא זכות והיפטר".

## מבאר אמונים

מקורות אין גודל מעלת עניית אמן

### 'באין מליץ יושר' - זאלסטו ענטפערן 'אמן'

**"כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ"** (כא י)

"רבי יוסי זאגט: גדול העונה אמן יותר מן המברך, האט רבי נהוראי אים געזאגט: איך שווער א שבועה אז עס איז טאקע אזוי. דו ווייסט דאך, אז די פשוטע סאלדאטן הייבן אן די מלחמה, און די שטארקע סאלדאטן וואס קומען נאכדעם געווינען" (נזיר סו ב).

ערקלערט דער **מהרש"א** (ח"א שם):

"ווייל מיר ווייסן אז 'מזונותיו של אדם קשים כקריעת ים סוף' (פסחים קיח א), דעריבער האט הקב"ה באפוילן אז דער וואס עסט און ווערט זאט זאל בענטשן... ווייל דורך דעם איז דער אויבישטער משפיע ער זאל האבן זיין שפייז בהרחבה. ווייל עס זענען דאך דא די מקטרגים וואס ווילן אפהאלטן די שפייז פון די מענטשן... און די ברכות זענען די 'פשוטע סאלדאטן' **און די וואס ענטפערן אמן זענען די 'גבורים' צו געווינען די מלחמה אקעגן די מקטרגים...**".

די דורשי רשומות האט געטראפן אויף דעם א רמז אין אונזער פסוק: "כי תצא" - איז ר"ת: "כל יום תענה צ' אמנים" [אזוי ווי דער צאל וואס די חכמים האבן באשטימט (תיקוני זוה"ח ח"ב דף פג א)] און אין דעם זכות וועלן ענק געווינען די מקטרגים: "ונתנו ה' אלקיך בידך".

אבער די פראגע איז אפן און קלאר: פון וואו זאל א מענטש וויסן אז עס גייט אים אנטרעפן א צרה, כדי ער זאל פריער דאווענען אויף דעם?

ערקלערט דער גאון **רבי יצחק זילבערשטיין** שליט"א דער רב פון די 'רמת אלחנן' געגנט אין בני ברק:

די חכמים ווילן אונז לערנען, אז ווען א מענטש הערט א אומגעראכטענע צרה וואס האט באטראפן א צווייטן, דארף ער זיך ערוועקן און דאווענען אז די צרה זאל אים נישט באטרעפן, אזוי ווי עס שטייט אין גמרא (שבת קו א): "אחד מבני החבורה שמת ידאגו כל החבורה כולה". און אזוי האט זיך אויך געפירט דער קדוש **רבי אלחנן וואסערמאן** הי"ד; פון מאל צו מאל האט ער זיך אינטערעסירט אין די נייעס פון דער וועלט, ווען ער ערקלערט אז דורך דעם וועט ער קענען מקדים זיין א תפילה בעפאר די צרה קומט.

'טובך יביעו' ח"ב עמ' קקט

#### זיך מקבל זיין א 'קבלה טובה'

**"וְלֹא תָשִׂים דָּמִים בְּבֵיתֶךָ כִּי יִפֹּל הַנֹּפֵל מִמֶּנּוּ"** (כב ח)

פון דער פסוק: "כי יפול הנופל **ממנו**" דרש'ענען די חכמים (שבת לב א): "לעולם יבקש אדם רחמים שלא יחלה, שאם יחלה אומרים לו: הבא זכות והיפטר.

וואונדערט זיך דער **'בן איש חי'**: וויאזוי קען מען זאגן פאר א מענטש "הבא זכות והיפטר", פארן בית דין של מעלה איז דאך אלעס קלאר און באקאנט, און אויב וואלט ער געהאט א זכות - וואלט ער דאך נישט קראנק געווארן. ערקלערט ער: "**הבא** זכות" - מיינט צו זאגן, ער זאל ברענגען א נייע זכות, מיט דעם וואס ער נעמט זיך אונטער צו מקיים זיין א געוויסע מצוה אדער א הנהגה טובה וואס ביז יעצט האט ער זיך נישט געפירט אזוי, און וואס ער איז נישט מחויב זיך צו פירן אזוי מצד הדין. און דאס איז דער פסוק מרמז: "כִּי יִפֹּל הַנֹּפֵל" - אין א צרה, דארף ער זיך אונטערנעמען איינהאלטן א נייע גוטע הנהגה וואס קומט "ממנו" - פון זיין אייגענע ווילן, וואס ער איז נישט מחויב זיך צו פירן מיט דעם מצד הדין.

'בן יהוידע' שבת לב א

אין דעם ענין קען מען מעורר זיין און אנצייכענען די וואונדערליכע גוטע מנהג פון זאגן ברכות השחר מיט א חברותא, וואס ווי באקאנט האבן די גדולי עולם מעורר געווען אויף איר געוואלדיגע מעלה, און אסאך האבן זוכה געווען צו זעהן א ישועה ווען זיי האבן זיך אונטערגענומען די הנהגה.

#### 'הוא יברך וירפא את... פלוני'

**"וְלֹא תָשִׂים דָּמִים בְּבֵיתֶךָ כִּי יִפֹּל הַנֹּפֵל מִמֶּנּוּ"** (כב ח)

פון דער פסוק: "כי יפול הנופל **ממנו**" דרש'ענען די חכמים (שבת לב א): "לעולם יבקש אדם רחמים שלא יחלה, שאם יחלה אומרים לו: הבא זכות והיפטר".

לויט די גמרא, האט דער מונקאטשער רב דער **'מנחת אלעזר'** מעורר געווען אין נאמען פון זיינע זיידעס, אז ביים זאגן א 'מי שברך' אויף א חולה, זאל מען נישט זאגן: "הוא יברך וירפא את החולה..." - א לשון וואס באדייט אז מ'האנדלט דא איבער א חולה. ווייל אויף א חולה זאגן דאך חז"ל: "אומרים לו: הבא זכות והיפטר", קומט אויס אז מ'ערוועקט אויף אים די מדת הדין. נאר מ'דארף זאגן: "הוא יברך וירפא את פלוני".

'חמשה מאמרות' מאמר נוסח התפילה אות יט




"פִּתְחוּ שְׁעָרִים וְיָבֹא גוֹי צַדִּיק שֹׁמֵר אֱמֻנִים" (יְשַׁעְיָהוּ כו ב)

ערב שבת קודש י"ג אלול, איז די זעכצנ'סטע יארצייט פון רבי חיים בן ציון ב"ר אהרן צבי מארמארשטיין זצ"ל, וואס א גאנץ לעבן איז ער געווען א 'שומר אמונים' כפשוטו - ער האט ארויסגעקוקט און געווארט צו קענען ענטפערן אמן, און ספעציעל נאך די ברכות השחר.

אויף זיין נאמען האט זיין זוהן רבי יעקב דב מארמארשטיין שליט"א אויפגעשטעלט די ארגאניזאציע 'בני אמונים' וואס אין דעם זכות הייבן אן צעהנדליגער טויזנטער אידן זייער טאג יעדן אינדערפריה מיטן זאגן די ברכות השחר מיט א חברותא.

**זייט מקדיש דעם ערב שב"ק י"ג אלול,**
**דאס זכות פון זאגן די ברכות השחר מיט א חברותא לעילוי נשמתו.**

**ברכות השחר: אויפן קול | מיט כוונה | מיט א חברותא.**



# תענה אמונים

א בליק איבער די מעלה
פון 'השכמת בית המדרש'

## 'עשרה ראשונים' (א')

די הויכפונקט פון 'השכמת בית המדרש', איז די מעלה צו זיין פון די 'עשרה ראשונים', אזוי ווי עס שטייט קלאר אין די גמרא (ברכות מז ב): "א מענטש זאל אייביג זיין געווארנט אויפשטיין און גיין פריה אין שוהל **כדי ער זאל זוכה זיין גערעכנט ווערן צווישן די עשרה ראשונים**, און אפילו הונדערט מענטשן קומען נאך אים - באקומט ער די שכר פון אלע".

אין די ארטיקל וועלן מיר פראבירן אביסל צו פארשטיין די מעלה פון די עשרה ראשונים וואס קומען פריה אין שוהל, אויסצוגן פון די רייכע אינהאלט וואס ווערט געברענגט אויף דעם ענין אין די ווערטער פון אונזערע רבי"ס זכרונם לברכה.

### 'אלוקים נצב בעדת א-ל'

אזוי ווי עס איז שוין אראפגעברענגט געווארן אין די פריערדיגע ארטיקלען, פון נאך וואס די בית המקדש איז חרוב געווארן און די שכינה איז געגאנגען אין גלות, רוהט די שכינה אין די שוהלן, וואס ווערן אנגערופן 'מקדש מעט' (מגילה כט א, וראה דב"ר ז ב). אבער, די השראת השכינה אין די שוהלן ווערט דורך צעהן אידן וואס נעמען זיך דארט צוזאם (ברכות ו א), און צוזאמען זענען זיי א 'עדה'.

צוליב דעם האבן די חז"ל ספעציעל אויסגעקליבט די עשרה ראשונים וואס קומען אין שוהל, ווייל זיי זענען צוגעגלעכנט צו גלידער וואס צוזאמען שטעלן זיי צוזאם דעם גאנצן קערפער וואס ווערט אנגערופן 'עדה' וואס דורך דעם קען די שכינה דארט קומען רועהן, קומט אויס אז דורך זיי רוהט די שכינה אויף דעם גאנצן ציבור וואס קומען שפעטער אין שוהל (זוהר שמות קכו ב, עי"ש, וראה תלמידי רבנו יונה ברכות ד א מדה"ר, מהרש"א ח"א שם).

די מעלה פון צעהן אידן וואס נעמען זיך צוזאם איז געוואלדיג גרויס צוליב איר אייגענע מעלה. פאר אלעמען איז זיכער באקאנט די ווערטער פונעם בעל התניא אין די 'אגרת הקודש' (כג) אין נאמען פון זיינע רבי"ס, אויב וואלט א מלאך אנגעקומען צו א פלאץ ווי דארט נעמען זיך צוזאם צעהן אידן, אפילו זיי דאווענען נישט און לערנען נישט, וואלט געפאלן אויף אים א ציטער און שרעק צוליב די געוואלדיגע השראת השכינה וואס איז דארטן, אזוי ווייט אז ער וואלט אינגאנצן בטל געווארן פון זיין מציאות. און אויב די ווערטער פונעם בעל התניא זענען געזאגט געווארן אויף סתם א צוזאמקום פון צעהן אידן, איז דאך זיכער ווען זיי נעמען זיך צוזאם דאווענען.

### זיי טוהן ראטעווען פון די שלעכטס

נאך ווערט געברענגט אין גמרא (ברכות ו ב) אין דעם ענין: "אמר רבי יוחנן: בשעה שהקדוש ברוך הוא בא בבית הכנסת ולא מצא בה עשרה - מיד הוא כועס, שנאמר (ישעיה נ ב): מדוע באתי ואין איש קראתי ואין עונה". זאגט רש"י: "'ואין עונה' - וואס זאלן קענען ענטפערן אויף א דבר שבקדושה".

די סיבה פארוואס די זאך איז אזוי הארב, ערקלערט דער מאירי:

"ווייל ווען עס איז שוין אנגעקומען דער צייט צו דאווענען און אין שוהל איז נישט דא א מנין אזוי ווי עס דארף צו זיין, איז דאס זייער נישט שיין, ווייל עס ווייזט אז די הערצער פון די שטאט איינוואוינער זענען ווייט פון אהבת השם יתברך, און דער דערווייטערונג איז דער גרעסטער צארן און געוואלדיגער אויפברויז, און דאס האבן חז"ל אינזין געהאט אין זייערע ווערטער 'מיד הקדוש ברוך הוא כועס'".

אבער לכאורה דארף מען פארשטיין, פון וואו האט רבי יוחנן ארויסגעלערנט אז דער אויבישטער איז באלד אויפגערעגט ווען ער טרעפט נישט דארט צעהן מענטשן, אין פסוק שטייט דאך "מדוע באתי ואין **איש**" וואס איז א לשון יחיד?

ערקלערט דער באבוב'ער רב דער בעל 'קדושת ציון' (ח"ב עמ' קח): רבי יוחנן טייטש די ווארט "איש" אלץ ר"ת 'י' שעונים אמן', און ווען דער אויבישטער קומט אין שוהל און זעהט אז עס איז נישט דא צעהן וואס קענען ענטפערן אמן, ווערט ער באלד אין כעס און זאגט: "מדוע באתי ואין אי"ש".

צוליב דעם האט מען מתקן געווען (סנהדרין יז ב, ע"פ רש"י שם ד"ה ועשרה) אז א 'עיר' איז נאר אויב דארט זענען דא 'עשרה בטלנים', ד.מ. תלמידי חכמים וואס זיצן און לערנען שטענדיג אין שוהל און דער ציבור האלט זיי אויס מיט אלע זייערע געברויכן, כדי אז שטענדיג זאלן זיין צעהן מענטשן אין שוהל אין דער צייט וואס מ'דארף אנהייבן דאווענען, און דורך דעם וועט נישט זיין קיין חרון אף אויף די אידן.

דער פראנקפורטער רב רבי צבי הירש הורוויץ האט צוגעלייגט א שיינעם הסבר, דער תפקיד פון די עשרה בטלנים איז אויך געווען צו ענטפערן 'אמן' נאך די ברכות און די קדישים וואס ווערן געזאגט אין שוהל, און דער סימן דערויף: 'בטלן' איז בגימטריה 'אמן' ('לחמי תודה' תוכחה יום א' דסליחות).

### 'פדה בשלום נפשי' אין זכות פון 'עשרה ראשונים'

און פון די צווייטע זייט, וועלן מיר אראפ ברענגען די 'מדה טובה מרובה' וואס ווערט געברענגט אין 'תנא דבי אליהו' (רבא י): "דורך וועמען וועט הקדוש ברוך הוא באשטראפן די פעלקער? דורך די וואס קומען פריה אין די שוהלן און ענטפערן אמן, און לויבן הקדוש ברוך הוא מיט אמן... און דאנקען השי"ת יעדן טאג אין יעדע צייט, אויף זיי איז געזאגט געווארן (תהלים נה יט): 'פדה בשלום נפשי... כי ברבים היו עמדי'; ווייל ער קומט פריה אין שוהל עס זאל דארט זיין צעהן מענטשן פאר א 'עדה'...".

עס איז פאסיג אראפ ברענגען וואס עס שטייט אין די פירוש 'זיקוקין דנורא' [פון דער מקובל רבי שמואל היידא, פראג תל"ו] אויף די 'תנא דבי אליהו', ווייל אז ענטפערן אמן איז מבטל אלע שלעכט'ס (שבת קיט ב), און ווער עס וויל ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין דארף אויפשטיין פריה און קומען אין שוהל זיין פון די עשרה ראשונים, כדי ער זאל הערן די אלע ברכות וואס מ'ענטפערט אויף דעם אמן, דעריבער זאגן חז"ל אז אין זכות פון די וואס קומען פריה צום דאווענען נעמט זיך אן השי"ת פאר די אידן און באשטראפט זייערע פיינד.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## 'ברוך... שהחיינו' והצילנו ממוות

אייר תש"ח. די אלט-שטאט ירושלים וואס איז צווישן די מויערן איז יעצט אריינגעפאלן אין די הענט פון די אראבער, ווען די אלע שוהלן און ישיבות וואס זענען דארט ווערן חרוב און פארברענט, און אירע איינוואוינער ווערן פארטריבן פון דארט.

צווישן די גאר חשובע שוהלן וואס זענען געווען אין אלט-שטאט, איז געווען די ישיבה 'פורת יוסף', די תורה-פעסטונג וואס אין לויף פון אסאך יארן איז עס געשטאנען הארט נעבן דעם כותל המערבי, און האט אויפגעשטעלט דורות פון תלמידי חכמים וואס האבן באשיינט און באשיינען ווייטער דעם ספרד"ישן אידנטום אין ארץ ישראל און אין חוץ לארץ.

דער טרויער אויף די חורבן פון די ישיבה 'פורת יוסף' איז געוואלדיג גרויס. אבער די רבנים פון די ישיבה וואס האבן נישט געוואלט אפשטעלן זייער לערנען אפילו איין מינוט, זענען נישט אריינגעפאלן אין א טרויער, נאר זיי האבן קאנצענטרירט אלע זייערע מעגליכקייטן כדי צו קענען צוריק אויפבויען די ישיבה פון דאסניי. באלד האבן זיך די תלמידים צושפרייט גרופע'ס גרופע'ס אין עטליכע שוהלן אין די ניי-ירושלים אינדרויסן פון די חומות, און אין די זעלבע צייט מיט הילף פון די נדיבי עם און דורך די באמיאונגען פון די איבערגעגעבענע גבאים, האט זיך צוביסלעך געבויעט די נייע געביידע פאר די ישיבה אין די 'גאולה' געגנט.

אין יאר תשט"ז איז דער גרויסער און פראכטפולער געביידע שוין געווען גרייט, און טראץ עס איז נאכנישט געווען גרייט אינגאנצן צום באניץ, זעהנדיג די מוטשעניש פון די תלמידים וואס האבן אין לויף פון די עטליכע יאר געמוזט וואנדערן און זיך וואלגערן צווישן די שוהלן וואס זענען געווען ווייט איינס פון די אנדערע, האבן די ראשי ישיבה באשלאסן נישטווארטן ביז דער געביידע וועט אינגאנצן געפערטיגט ווערן, נאר שוין יעצט וועלן אלע פליגלען פון די ישיבה פאראייניגט ווערן אין דעם גיגאנטישן געביידע.

אין דער צייט וואס עס איז נאך געהערט געווארן דער גרודער פון די האמער'ס פון די בוי-ארבעטער, האט מען שוין אנגעהויבן צו הערן דעם קול התורה אין בית המדרש, ווען דאס האט אריינגעברענגט א רוח חיים אין די שטיינער און אין די העלצער ווערנדיג א משכן פאר די לומדי תורה.

אין דעם גרויסן געביידע, איז אויך געווען א עקסטערע פלאץ פאר א גרופע מקובלים וואס ביז צו דעם חורבן אין יאר תש"ח איז עס געווען א טייל פון די ישיבה 'פורת יוסף', און זיי זענען יעצט צוריק געקומען לערנען אין דעם נייעם געביידע, אין שפיץ פון זייער הויכגעשעצטן רבי'ן דער מקובל רבי אפרים הכהן זצ"ל וואס אין יענע יארן איז ער שוין געווען אין די עלטערע יארן.

רבי אפרים הכהן איז געווען באקאנט פאר זייער א טיפע מח, ספעציעל אין די תורת הקבלה. שטענדיג האט מען אים געקענט זעהן זיך דרייען אהער און אהין און ווען ער איז פארטראכט אין זיינע הייליגע געדאנקען, ווען ער איז פארטוהן אין די שווערע סוגיות וואס די חכמי הישיבה האבן עוסק געווען אין יענע צייט.

איינער פון די אויסגעצייכנטע פון די הייליגע חבורה, איז געווען דער באקאנטער מקובל רבי יצחק כדורי זצ"ל. דאס האט פאסירט אין איינע פון די ערשטע טעג וואס זיי זענען אריין אין די נייע געביידע, ווען רבי יצחק האט באמערקט ווי רבי אפרים הכהן שפאצירט אויף זיין שטייגער אינגאנצן פארטראכט, ווען פון מאל צו מאל כאפט ער א בליק אויף די בלעטער וואס ער האט געהאלטן אין זיינע הענט, און באלד זינקט ער ווידער איין אין זיינע געדאנקען.

רבי יצחק האט פון דערווייטנ'ס נאכגעקוקט דעם אלטן מקובל, וואס זיינע פוס שפאצירן אהין און צוריק אין דעם לאנגן קארידאר ווען זיין מח געפונט זיך אין הימל, און פלוצלינג האט ער פארלוירן זיין אטעם; ער איז אויפגעציטערט געווארן צו זעהן, ווי רבי אפרים זעצט פאר זיין וועג ביז צו עק פון די קארידאר, וואו דארט איז נאכנישט געענדיגט געווארן די בוי-ארבעט, און ווייל דארט איז געווען זייער ווייט פון דער היכל וואו דארט האט מען געלערנט, האבן די ארבעטער עס נישט ארומגענומען מיט א צוים ווי עס דארף צו זיין.

רבי יצחק האט געקוקט מיט גרויס שרעק, ווען ער קען גארנישט טוהן צו ראטעווען דעם רבי אפרים; דער ווייטקייט צווישן זיי איז געווען זייער גרויס ער זאל אים קענען אפהאלטן, אויך האט ער געוואוסט אז אויך די העכסטע געשריי און רוף פון זיין מויל וועט נישט געהערט ווערן ביז צו די אויערן פון דער צדיק וואס איז פארטיפט אין זיינע געדאנקען.

נאר איין וועג איז אים איבערגעבליבן צו ראטעווען זיין רבי, און דאס איז - שרייען צום אויבערשטן. און טאקע אזוי, רבי יצחק האט זיך נישט מייאש געווען פון השי"ת'ס רחמנות; עס זענען איבערגעבליבן געציילטע סקונדעס, וואס זיי האט ער אויסגענוצט צו שרייען און בעהטן מיט זיין גאנצע כח צו השי"ת ער זאל ראטעווען רבי אפרים בן שמחה עס זאל אים גארנישט שלעכט'ס פאסירן חלילה.

רבי יצחק האט געדאווענט, און זיין תפילה איז אנגענומען געווארן; רבי אפרים וואס נאר איין טריט האט אפגעשיידט פון צווישן לעבן און טויט, קענעדיג אין די קומענדיגע סקונדע אראפפאלן... פלוצלינג, ווי גלייך א באהאלטענע האנט האט אנגעכאפט זיין פוס און אים אפגעהאלטן פון צו גיין ווייטער. רבי אפרים האט זיך אפגעשטעלט ממש נעבן די ברעג פון די גרוב, און נאר נאך וואס ער האט געגעבן א קוק וואו ער געפונט זיך האט ער צו זיין שרעק פארשטאנען אז אין דער מינוט איז ער געראטעוועט געווארן פון א זיכערער טויט.

אינצווישן האט רבי יצחק אנגעיאגט צו פארקלענערן די ווייטקייט וואס איז געווען צווישן זיי, ווען זיין מויל הערט נישט אויף פון צו מורמלען א תפילה פאר השי"ת ער זאל ראטעווען דעם צדיק פון א אומגליק, און זייער שנעל איז ער אנגעקומען הארט נעבן זיין רבי, וואס איז נאך געווען שאקירט פון דער גרויסער נס וואס איז אים געשעהן.

די בליקן צווישן זיי האבן אלעס דערציילט: דער רבי איז געראטעוועט געווארן אין די לעצטע מינוט.

"עס איז פאסיג אז מיר אלע זאלן צוזאמען לויבן דעם אויבערשטן אויף די וואונדערליכע רעטענונג", האט רבי יצחק זיך געוואנדן צו די גבאים פון די ישיבה, באלד ביים ענדע פונעם 'סדר', ווען ער לייגט אים אריין אין זיין האנט א לייטישע סומע. "מיט די געלט זאלסטו איינקויפן אין די מארק אסאך נייע פרוכט וואס זאל זיין גענוג פאר אלע וואס לערנען אין בית המדרש, כדי מ'זאל זאגן די ברכה 'שהחיינו' ברוב עם, און אין די זעלבע צייט זאל מען אינזין האבן לויבן און דאנקען דעם אויבערשטן אויף דער נס פון די רעטענונג פון דער צדיק".

'הרב כדורי' עמ' 89

עיצובים shay